Hebr. Eg 781
Gordin

פאמיליען ביבליאטעק
פערלאג
ווארשא

יעקב גאָרדין.

# דער קרבן

## א בילד פון אמעריקאנער לעבען.

פערלאג
№ 27. „פאַמיליען ביבליאָטעק". פרייז 5 קאָפּ.

Варшава, 1909. ווארשע. תרס"ט.

КОРБОНЪ, разсказъ Я. Гордона.
Тип. И. Эдельштейна, Налевки 38.

יעקב גאָרדין.

# דער קרבן

# דֶער קָרְבָּן.

אִיהר אִיז דעֶר שִׁידוּךְ נִיט געֶוועֶן געֶפעֶלעֶן.

עֶר אִיז געֶוועֶן אַ מאַן פוּן עֶטלִיכעֶ אוּן דרײַסִיג יאָהר, אַ בלאָנדעֶר יוּד מִיט אַ בלאַסעֶן פּנים, מִיט אַנ'אײַנגעֶפאַלעֶנעֶר ברוּסט, אַ הוֹיכעֶר, אַ דאַרעֶר, מִיט שמאָלעֶ אײַנגעֶבוֹיגעֶנעֶ פּלײַצעֶס. זִי אִיז געֶוועֶן אַלט אַ יאָהר אַכטצעֶהן, אַ ברוּנעֶטקעֶ, מִיט געֶזוּנטעֶ רוֹיטעֶ באַקעֶן, אַ שלאַנקעֶ פִיגוּר מִיט שעֶנעֶ ענטוִויקעֶלטעֶ פאָרמעֶן. עֶר אִיז געֶוועֶן שטעֶנדִיג שטִיל, מעֶלאַנכאָלִישׁ. זִי אִיז געֶוועֶן לוּסטִיג, פרײַלִיךְ, מוּנטעֶר. זײַן שטִימעֶ אִיז געֶוועֶן טרוּקעֶן אוּן הײַזעֶרִיג; אַז עֶר פלעֶגט רעֶדעֶן, פלעֶגט עֶר מאַכעֶן אוֹיפ'ן צוּהעֶרעֶר אַ קרעֶנקלִיכעֶן אײַנדרִיק. אִיהר שטִימעֶ האָט געֶקלוּנגעֶן ווִי אַ זִילבעֶר'ן גלעֶקעֶל. אִיהרעֶ טִיעֶפעֶ אַלט-טעֶנעֶר האָבעֶן געֶגלעֶט אַזוֹי ווִי זײַדעֶנעֶר סאַמעֶט. אִיהרעֶ אוֹיגעֶן האָבעֶן נאָר אָבּ־געֶשפִּיגעֶלט דִי אוֹיסעֶרעֶ ווֶעלט, פוּן זײַנעֶ צווִיי גרוֹיסעֶ סאַרעֶ אוֹיגעֶן האָט אַרוֹיסגעֶקוּקט אַ אִינעֶרעֶ ווֶעלט. זײַנעֶ גוּטעֶ פעֶרטראַכטעֶ אוֹיגעֶן האָבעֶן געֶצוֹיגעֶן צוּ זִיךְ, געֶבעֶטעֶן אוּן עֶטוואָס זעֶהר טרוֹירִיגעֶס דעֶרצײַלט. זײַנעֶ אוֹיגעֶן האָבעֶן געֶוועֶקט אִיהרעֶ געֶפִיהלעֶן פוּן סִימפּאַטִיעֶ. דעֶרצוּ אִיז עֶר

געווען אַ שטילער ערליכער מענש מיט אַ אָרענטליכען כאַראַקטער. ער האָט געהאַט אַ שטענדיגע שטעלע אַלס אַ רייזענדער, האָט זעהר שען פערדיענט און איז געווען פון זיין פרינציפּאַל געאַכטעט און געליעבט. דער עיקר ער איז געווען געפעלען איהר מוטער, ווייל ער האָט געהאַט אין באַנק איבער צוועלף הונדערט דאָלאַר. די מוטער און אַלע איהרע קרובים האָבען לאַנג מיט איהר גע׳טענה׳ט און ווייל זי אַליין איז ניט זעהר שטאַרק געווען דאַגעגען, האָט מען ענדליך אין אַ גוטע מזל׳דיגע שעה געמאַכט תנאים.

ביז דער חתונה האָט ער זיך בעזעצט ביי זיי אַלס אַ לאָקאַטאָר.

דאָס יונגע אונערפאַהרענע מיידעל איז געווען ערשטוינט, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען דאָס אין דער איינגעפאַלענער ברוסט פון דיזען שטילען מענשען שטורמט אַ ווילדע ליידענשאַפט. זיינע הענד האָבען געבריהט מיט אַ פיבערישען פייער, זיינע אויגען האָבען אין איהר געגענווארט געברענט און געגליהט. זיין אָטעם איז געווען ווי אַ הייסער שטראָם. זי פלעגט שטענדיג זעהען פערמיידען, ער זאָל זי ניט קושען. ווען ער פלעגט זיך פערהוסטען מיט אַ טרוקענעם הייזעריגען הוסט, פלעגט זיך איהר אויסווייזען, אַז פון זיין מויל געהט אַ גערוך אַזוי ווי פון עטוואָס פערפוילטעס.

דער חודש נאָוועמבער איז געקומען מיט טונקעלע טעג, רעגענס און נעבלען. יעדע נאַכט פלעגט זי פון איהר מוטערס צימער הערען זיין הוסטען. די מוטער פלעגט שלאָפען, און זי פלעגט זיך אויפמערקזאַם צוהערען און דענקען. זיין לאַנגער הוסטען פלעגט וועקען אין איהר צוויי פערשידענע געפיהלע: אַ געפיהל פון מיטלייד, פון אֶמת׳ן רחמנות, און אַ געפיהל פון עקעל. אַ שוידער פלעגט אַריבערגעהן איבער אַלע איהרע גלידער, ווען זי פלעגט דענקען, אַז זי וועט אַמאָל דאַרפען בלייבען מיט דעם מענשען... אַליין.

ער האָט זיך געפּיהלט שלעכט און מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר... דער דאָקטאָר האָט געצוקט מיט די פּלייצעס, האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווער ער איז, און, פאַר'ן אַוועקגעהן האָט זי געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו איהר מוטער: איך צווייפעל ניט, נאָר מיר וועלען זעהען, וואָס די מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונג וועט זאָגען, אין יעדען פאַל, זאָג איך אייך, עס וועט זיין דער גרעסטער אונזין, אַ פערברעכען צו פעראייניגען מיט איהם אַזאַ יונגע, בליהענדע, געזונטע מיידעל...

ער האָט געהאַט שווינדזוכט. איהר מוטער און איהרע קרובים, וועלכע האָבען פריהער אַזוי געוואָלט דעם שידוך, האָבען לאַנג ניט געוואָלט גלויבען, אַז דיזע קרענק איז אַנשטעקיג, ווען אָבער דער דאָקטאָר, די שכנים און פיעלע בעקאַנטע האָבען זיי זעהער אָנגעשראָקען, האָט מען בע־שלאָסען אָבצואָזען דעם שידוך און מען האָט איהר גערעטען, זי זאָל מיט איהם דערפון רעדען. עטליכע מאָל האָט זי געוואָלט מיט איהם וועגען זיין קראַנקהייט רעדען אָבער זיינע ליעבענדע בליקען און ליידענדעס געזיכט פלעגען איהר פערשליסען די ליפּען. ער האָט זיך געקליבען פאָהרען קיין דענווער, אָבער ניט אַליין, מיט איהר... ווי אַזוי וועט ער זי קענען פערלאָזען? ווי וועט איהם מעגליך זיין צו לעבען דאָרט אָהן איהר? זיי וועלען דאָ פריהער חתונה האָבען און פאָהרען צוזאַמען. דאָרט וועט ער גיך געזונט ווערען און מאַכען זיך עפּעס אַ געשעפט און זיי וועלען לעבען ווי צוויי גליקליכע טייבעלאַך.

מיט אַ ביטער האַרץ איז זי געגאַנגען צום דאָקטאָר פרעגען אַן עצה. דער דאָקטאָר האָט איהר געזאָגט, אַז דעם קראַנקען איז ניט פיל געבליעבען צו לעבען, דאָס זיין קראַנקהייט געהט זעהר ראַש... און דאָס זי טאָר ניט דענקען פון איהם, ווארום דאָס וועט זיין מאָרד און זעלבסט־מאָרד. מאָרד, ווארום אַזעלכע קראַנקע זיינען צו ליידענשאַפטליך און פערקירצען זיך אַליין די איבערגעבליבענע טעג פון זייער

לעֶבּעֶן, און זעֶלבּסט מאָרד, ווײַל זי װעֶט געֶוויס קריגעֶן דאָס זעֶלבּעֶ חולאַת און ווֶעט שטאַרבּעֶן אין איהרעֶ יונגעֶ יאָהרעֶן. זי איז געֶקומעֶן פון דאָקטאָר זעֶהר צוטראָגעֶן... דיזעֶ נאַכט האָט זי ניט געֶשלאָפעֶן. פון אַ זאָרגלאָזעֶר פריילִיכעֶר יונגעֶר מײדעֶל איז זי פּלוצלונג געֶוואָרעֶן אַ לײַדעֶנדעֶ פרוי. איהר פרײד און רוהעֶ זעֶנעֶן אומזיסט פערלאָרעֶן געֶגאַנגעֶן און אָנשטאָט זײ זעֶנעֶן געֶקומעֶן צרות און טרעֶרעֶן.

זאָגעֶן איהם, אַז זי לאָזט אָבּ דעֶם שידוך, האָט זי ניט געֶקעֶנט — זי האָט אויף איהם צופיל רחמנות געֶהאַט. זי האָט איהם קוים אײַנגעֶרעֶדט, עֶר זאָל דעֶרוויַיל, נאָר דעֶרווײַל, פאָהרעֶן אַלײן און זי וועֶט קומעֶן, ווי באַלד עֶר וועֶט זיך נאָר בּעֶסעֶר פיהלעֶן. מיט גליהעֶנדעֶ קושעֶן האָט עֶר געֶבּריהט איהרעֶ בּאַקעֶן פאַר'ן פאָהרעֶן און פון זײַנעֶ גרויסעֶ מעֶלאַנכאָלִישעֶ אויגעֶן זעֶנעֶן געֶפאַלעֶן צוויי טרעֶרעֶן אויף איהרעֶ קאַלטעֶ העֶנד. זי האָט שטאַרק פעֶרדריקט איהרעֶ ליפּעֶן, האָט אײַנגעֶהאַלטעֶן איהר אָטעֶם און האָט איהם געֶגעֶבּעֶן איהר אָבּשײדס-קוש.

— זײַ געֶזונד, טײַעֶרעֶ, האָט עֶר געֶשריעֶן מיט זײַן הײזעֶריגעֶר שטימעֶ, שטעֶהעֶנדיג שוין אויף דעֶר פּלאַטפאָרם פון'ם וואַגאָן, — זײַ געֶזונד! איך האָף, מיר וועֶלעֶן זעֶהר גיך זײַן צוזאַמעֶן...

די מוטעֶר און אַלעֶ פרײַנד האָבּעֶן געֶטראַכט: דו פאָהר נאָר אַוועֶק און דאָרטעֶן וועֶסט דו שוין מעֶגעֶן וואַרטעֶן. זי איז געֶשטאַנעֶן איהר קאָפּ אַראָבּגעֶלאָזעֶן און איהרעֶ אויגעֶן פעֶרווײנט.. דעֶר גלאָק פון לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעֶהויבּעֶן קלינגעֶן, די רעֶדעֶר פון די וואַגאָנעֶן האָבּעֶן זיך אָנגעֶהויבּעֶן בּעֶוועֶגעֶן. זײַן בּלאַסעֶם געֶזיכט האָט זיך בּעֶוויזעֶן אין פעֶנסטעֶר — זי האָט איהם ניט געֶזעֶהעֶן, איהרעֶ אויגעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶן פול מיט טרעֶרעֶן. אַ בּיטעֶרעֶר שמעֶרצליכעֶר געֶדאַנק האָט פעֶרקלעֶמט איהר יונגעֶס האַרץ: קעֶן דאָס זײַן, אַז מיר זעֶהעֶן זיך צום לעֶצטעֶן מאָל? צום לעֶצטעֶן מאָל?

זײַן אַוועֶג-פאָהרעֶן האָט איהר ניט געֶבּראַכט קײן רוה. די עֶרשטעֶ טעֶג האָט זי געֶדעֶנקט דעֶרפון, ווי אַזוי דיזעֶר

עלענדער מענש פאהרט יעצט איינער אליין איבער די וויטע וועגען פון אמעריקא, אליין, א קראנקער, א שוואכער, א הילפלאזער. נאכדעם האט זי מיט אונגעדולד אנגעהויבען צו ערווארטען פון איהם א בריף. איז ער געקומען בשלום אהין? פיהלט ער יעצט בעסער? ענדליך איז געקומען דער לאנג-ערווארטעטער בריף. ווען זי האט איהם געעפענט, האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי הערט זיין הויך, זיין אטעם און דעם ריח פון עטוואס פערפוילטעס... אויף איין אויגענבליק האט עס ערוועקט אין איהר א געפיהל פון עקעל און דאן האט זי אנגעהויבען מיט פרייד לעזען, וואס ער שרייבט איהר. זיין בריעף איז געוועזען א ליידענשאפטליכער געשריי, וואס האט זיך אויסגעריסען פון א גליהענדעם הארץ. ער האט גערופען זיין געליעבטע צו זיך.

ניט די טרערען פון איהר מיטער, ניט די ארגומענטען פון איהרע פריינד ניט די זיפצען פון איהר קוזין מאקס, צו וועלכען זי אליין איז א מאל געוועזען ניט אין גאנצען גלייכגילטיג, ניט די טענות פון בעקאנטע, ניט דער שטרענגער פערבאט פון'ם דאקטאר האבען זי געקענט צוריק האלטען. זי האט בעשלאסען פאהרען צו איהם, צום אונגליקליכען און ליידענדען. א פרוי האט ערוואכט אין איהר! א פרוי וועלכע האט געהאט נאר איין געדאנק, איין פערלאנג, איין שטרעבונג — אפפערען איהר לעבען, איהר געזונד פאר איהם... רי בארך, ווי זי האט געמיינט, רופט צו לאנגזאם, זי האט מורא געהאט זי וועט פערשפעטיגען... זי וועט ניט קומען פריה גענוג צו קענען שטארבען פאר איהם און צוליב איהם...

מיט א פייערדיגע ליידענשאפט האט זי זיך איינגעזויגען אין זיינע ליפען, ווען זיי האבען זיך ענדליך צוזאמענגעטראפען; אזוי ווי א דורשטיגע האט זי געטרונקען דעם הויך פון זיין אטעם און ער האט ווי א וואהנזיניגער שכור געטרונקען פון דעם בעכער פון ליעבע. מיט א געפיהל פון פערדרוס האט געקוקט אויף דעם כא־על דער רבי, וועלכער האט זיי

גֶעגֶעבֶּען חוּפּה וקדושין... מִיט אַ גֶעפִיהל פוּן מִיטלייד האָבֶּען אוֹיף אִיהר גֶעקוּקט אַלֶע זַיינֶע נַייֶע בֶּעקאַנטֶע. זַיי האָבֶּען גאָר נִישט גֶעזֶעהֶען — זַיי זַיינֶען בֵּיידֶע גֶעוועֶן בֶּעזוֹיפֶען פוּן זַייעֶר קרֶענקלִיכֶען אוּננאַטִירלִיכֶען גלִיק. מִיט יֶעדֶען טאָג אִיז גֶע־וואַקסֶען אִיהר שקלאַפִּישֶע אִיבֶּערגֶעבֶּענהַייט, אוּן אִיהר פֶערלאַנג צוּ בּרֶענגֶען נַייֶע אָפּפֶער, צוּ לַיידֶען פאַר אִיהם אוּן צוּ עֶרפִילֶען זַיין ווִילֶען.

עֶר אִיז גֶעשטאַנֶען אִיפ'ן שוועֶל פוּן קבר... אוּן דאָך נִיט עֶר, זִי, דִי יוּנגֶע, גֶעזוּנטֶע, בּלִיהֶענדֶע פרוֹי... זִי האָט פרִיהֶער פוּן אִיהם אַרִיבֶּערגֶעטראָטֶען אִיבֶּער דִיזֶען שרֶעקלִיכֶען שוועֶל. זַיין שרֶעקלִיכֶע חולאַת האָט זִי גִיכֶער גֶעטוֹיטֶעט ווִי אִיהם אַליין. דִי יוּנגֶע פרוֹי לִיעגט שוֹין אוֹיפ'ן יוּדִישֶען בּית עוֹלם און עֶר לֶעבּט נאָך... זַיינֶע בּאַקֶען זַיינֶען נאָך מֶהר אַיינגֶעצוֹיגֶען גֶעוואָרֶען, זַיין בּרוּסט נאָך מֶעהר אַיינ־גֶעפאַלֶען, זַיין פּנים אִיז אַ טוֹיטֶע מאַסקֶע, נאָר זַיינֶע אוֹיגֶען לֶעבֶּען נאָך, גרֶעסֶער גֶעוואָרֶען אוּן נאָך מֶעלאַנכאָלִישֶער גֶעוואָרֶען. זַיי זֶעהֶען דִי קלאָרֶע בּלאָעֶ הִימלֶען, זֶעהֶען דאָס לֶעבֶּען אַרוּם זִיך אוּן ווֶענדֶען זִיך אַהִין אוֹיפ'ן יוּדִישֶען בּית עוֹלם, וואוּ זִי, דֶער יוּנגֶער קרבן, לִיעגט אוּנטֶער אַ בֶּערגֶעלֶע מִיט פרִישֶער עֶרד. פוּן דִיזֶע מֶעלאַנכאָלִישֶע פֶערטראַכטֶע אוֹיגֶען פלִיסֶען יֶעצט גרוֹיסֶע רַיינֶע טרֶערֶען אוּן זַיינֶע בּלאַסֶע פֶערבּאַקטֶע לִיפֶּען רוּפֶען זִי אוּמזִיסט. —

# די וואָרע ליעבע.

## 1.

ער האָט זי געליעבט, זי האָט איהם געליעבט. עס איז אַזאַ געוועהנליכע זאַך, עס איז די געטליכע ליעבע! מען זעהט עס ניט זעהר אָפט, אָבער הערען — הערט מען דאָס אויף יעדען שריט און טריט.

מען זעהט ניט די ליעבע, ניט דערפאַר ווייל די ליעבענדע שעמען זיך אַרויס טראָגען אויף דער גאַס זייער ליעבע, היינט שעמען זיך ניט מענשען „רעקלאַמירען" די הייליגסטע געפיהלע... אָבער דאָס וואָס איז ניטאָ קען מען נ׳ט אַרויסצייגען, דערפאַר הערט מען אָבער ווי מען רעדט ווערטער. ער זאָגט: „איך ליעבע דיך פון טיעפען האַרצען" און געהט זוכען פערגניגען אויף דער גאַס. זי זאָגט „דו ביזט מיין נשמה" און ווינקט מיט׳ן אויג אויף אַנאַנדער זייט. ריידען און פיהלען זענען צוויי בעזונדערע זאַכען.

און דאָך „זי" די זי פון אונזער ערצעהלונג האָט געליעבט, גערעדט וואָס געפיהלט און געפיהלט, וואָס גערעדט.

— האָסטו עטוואָס געלד? פרעגט ער. זי אַרבייטעט אין געוועלב א גאַנצע וואָך און שבת גיט זי איהם אָב איהר גאַנצע פערדינסט, מיט פרייד, מיט פערגניגען אָפפערט זי איהם איהר

ארבייט, איהר טרייהייט, איהר ליעבע, איהר גאַנצעס לעבען. ער נעהמט איהרע שווערע קרבנות, ווי אַ זאַך וואָס קומט איהם. ער צאָהלט איהר פאַר איהר ליעבע מיט טענות, מיט גראָבהייטען, מיט אייפערזוכט. זיין שקלאַפין איז זי. נאַכט זי, קריינקט עס איהם, זי טאָר זיך ניט פרייען, זי דאַרף איהם נור דיענען. ווײנט זי, איז ער אונצופריעדען, זי דאַרף איהם אַמוזירען. רעדט זי ניט מיט קיינעם, איז ער בייז, זי דאַרף זיין מיט איינינע בעקאַנטע פריינדליך, מאַכט זי שפּאַס מיט זיינע פריינד, ווערט ער משוגע פון אייפערזוכט. נור מיט איהם דאַרף זי רעדען, מיט איהם מאַכען שפּאַס, איהם דיענען, איהם זיך אָפּפערען. ער איז פאַר איהר דאָס גאַנצע לעבען...

ער איז איהר הערשער, איהר דעספּאָט, איהר טיראַן און זי איז זיין שקלאַפין, זיין דיענסט, זיין אייגענטהום.

וואָס שטאַרקער איהר ליעבע איז, דאָס גרעסער איז זיין גראָבהייט, וואָס גרעסער איהר איבערגעבענהייט, דאָס מיאוס'ער איז זיין אייפערזוכט...

## 2.

דער מאָנאַט אַפּריל איז געקומען. די נאַטור האָט זיך ערוואַכט פון איהר לאַנגען שלאָף, די בוימער בעדעקען זיך מיט גרינע בלעטלעך... אַלעס בליהט אַרום זיי און איהרע ריינע געפיהלע בליהען אויף נאָך שטאַרקער אין איהר גוט הארץ.

און ער? ער קויפט פאַר איהר געלד אַ רעוואָלווער, ווארפט זי צו דער ערד ווי אַ ווילדער און פרעגט זי: „וועמען האָסט דו ליעב?“ ער גלויבט ניט איהר גוטען בליק, גלויבט ניט איהרע גוטע ווערטער. ער דענקט ניט, ער פיהלט ניט. דאָס געוועהר איז אין זיין האַנד און ער ציעלט איהר גלייך אין הארצען...

די אונגליקליכע פאַלט אַ פערוואונדעטע, ערשראָקענע מענשען רינגלען זיי אַרום, דער פּאָליציסט שטעהט מיט'ן שטעקען און אויף איהרע ליפּען שפּיעלט אַ גוטער שמייכעלע, זי האָט קיין טענות — זי ליעגט... וואָס איז דאָרט אַזוי?“ שעפּטשען איהרע בלאַסע ליפּען... עס טרעפט זיך דען ניט, אַז אַ רע-וואָלווער שיסט אויס אונגערן?... וואָס ביסט דו שולדיג? זי רופט איהם צו מיט איהר שוואַכע שטימע, אומאַרעמט איהם

מיט איהרע ציטערענדע הענד, דריקט איהם צו איהר הארצען, קושט די האַנד, וועלכע האָט זי פערוואונדעט, ווידערהאָלט צום טויזענדען מאָל: „איך ליעבע דיך" אונ טרערען פליסען שטיל פון איהרע אויגען. „גלויבסט דו מיר ניט?..." פרעגט זי שטיל.

ער שטעהט אַ געריהרטער, אַ דערשראָקענער, אַ איבער־ראַשטער. ער הערט וואָס זי רעדט, פיהלט וואָס זי זאָגט, פאַנגט אָן צו פערשטעהן וואָס זי פיהלט — אונ ער גלויבט!...

ער וויל גלויבען, אָבער עס איז שוין צו שפעט...

פ
יונגע, ר
איהרע
שטערנד
שטיפע
פערטרא
שפיגע
דעם אי
אי גענו
די מוט
געבליב

-

ארבייט
איך ווי
זיין בו
האסט
עסען ו

# זי פערדיענט שוין!

## I.

פעני האט ערשט געענדיגט איהר שעהן ליעדעלע, איהר יונגע, ריינע שטימע האט געקלונגען ווי א זילבערנער גלעקעלע. איהרע צוויי אויגען האבען געוואונקען אונ געגלאנצט ווי צוויי שטערנדלעך אין א שעהנע זומער־נאכט. זי האט געוואלט שטיפען, לאכען אונ זי האט זיך אויף איין אויגענבליק פערטראכט וואס זאל זי פריהער טהון: צו א שפרונג טאן צום שפיעגעל, צו חאפען א בייגקעל אונ טאנצען א וואלצער אין דעם איינגען ארימען צימער, וואו פאר איהר איז גענוג פלאץ, אי גענוג קאמפארט. גערადע אבער אין דער מינוט איז אריין די מוטער, א פערטרויערטע, א פער׳חשך׳טע, אונ פעני איז געבליבען שטעהן שטיל.

— א מויד פון פונפצעהן יאהר זאל זיך ניט געפינען קיין ארבייט, זאגט די מוטער מיט א בעזע, טרויעריגע שטימע, — איך וויים ביי לייטען, עס איז א נחת, יעדעס קינד פערדיענט זיין ברויט... איך פרעג דיך, וואס וועט זיין דער תכלית? האסט געענדיגט א שקאלע — וואס האב איך דערפון? עסען ווילסטו, טרינקען אויך. א פאר שיך דארף מען אויך...

און וואו נעהמט מען דאָס ? דער טאַטע דיינער קען זיך דאָך ניט צורייסען... אזא מויד, קיין עין הרע, זאָל ניט פֿערדיענען איהר ברויט... האָסטו געהערט א ביסעל !

ניט צום ערשטען מאָל הערט פֿעני אַזעלכע שטעכעדיגע, פֿערגיפֿטיגע ווערטער און איהר יונגע זאָרגלאָזיגע קעפעלע לאָזט זיך אַראָב ניעדעריג, ניעדעריג ; איהרע לעבעדיגע אויגעלעך הערען אויף גלאַנצען און אַ טיעפֿער, שווערער זיפֿץ רייסט זיך אַרויס פֿון איהר גוט הארץ.

יאַ, זי וויל זיין ניצליך, זי וויל פֿערדיענען איהר ברויט ; מ׳י דאַרף נור געפֿינען א שטעלע.

## II.

א שטעלע ! אַ שטעלע ! זי קען האָבען אַ שטעלע... זי האָט עס אַליין געלעזען אין היינטיגען בלאַט אך ! עס זאָל נור ניט זיין שפּעט ; א„נאַנדערע, א גליקליכערע זאָל נור ניט אַרויס־ חאַפּען די שטעלע אײדער זי וועט קומען.

זי היילט זיך. אין קאַרעטע קוקען פֿיעלע אויף די שעהנע, בליהענדע, יונגע מיידעל און זי איז פֿערטיעפֿט אין איהרע געדאַנקען. אונבעקאַנטע געפֿיהלע רעגען זי אויף און שרעקען. צום צוואַנציגסטען מאָל לעזט זי דאָס קליין שטיקעל פּאַפּיער, וואָס זי האָט אויסגעשניטען פֿון דער ציימונג : „א בעיאַהרנטע פֿערמעגליכע פֿרוי זוכט אַ יונגעס מעדכען פֿון 15—16 יאָהר אלס קאָמפּאַניאָן ; זעהר גוטע קאָנדיציאָנען”. און דאַן לעזט זי אויפֿמערקזאַם די אַדרעסע און, געגען איהר ווילען, לויפֿט דורך אַ שוידער איבער איהר יונגען קערפּער : עס איז שוין ניט ווייט און זי האָט אַזוי מורא.

אָבער איהר שרעק און צווייפֿעל זיינען באַלד פֿערשוואונ־ דען געוואָרען, ווען אַ שעהנע, רייך געקליידעטע דאַמע האָט איהר געעפֿענט די טיר, האָט זי אַריינגעפֿיהרט אין אַ גרויסען זאַל און האָט איהר געענטפֿערט מיט אַ זיסע שטימע און אַ גוטען שמייכעלע אויף די ליפּען : די שטעלע איז נאָך ניט פֿערנומען און דו געפֿעלסט מיר זעהר, שעהנעס קינד.

„איך בין בערייט אלעס טהון, שווער ארבייטען אום צו פֿערדיענען”,

— ניין, קינד, דו ווערסט ניט דארפֿען ארבייטען... איך וועל דיך קליידען וויא א פּרינצעסין, ווערסט שפּאַציערען, געהן אין טהעאַטער, וועל דיר שענקען אַזעלכע רינגען, אויררינגען; דו זאָלסט מיך נור פֿאָלגען און טהון, וואָס איך וועל דיך בעטען...

„איך בין אַ'ן אָרימע מיידעל און וויל אייך פֿאָלגען”, זאָגט פֿעני מיט א ציטערענדע שטימע.

— דו ווערסט זיין מיין קינד און איך וועל זיין דיין מאמע... ווערסטו מיך ליעב האָבען?

„איך וועל אייך ליעבען ווי אַ מוטער. איך וויל עהרליך פֿערדיענען מיין ברויט”.

— און דיר וועט זיין גוט און פֿרעהליך. ביי נאַכט וועלען קימען געסט, מי וועט שפּיעלען פּיאַנאַ, טאַנצען, אַמיזירען זיך און אַלע וועלין דיך ליעבען, אז דו ווערסט זיין א שטילעס און געהאָרכזאמעס קינד.

„יא, גוטע פֿרוי, איך וועל זיין שטיל און געהאָרכזאם; איך בין אַ'ן אָרימע מיידעל און מוז עטוואָס פֿערדיענען”.

איהר הארץ איז פֿול מיט ליעבע און געפֿיהלע פֿון דאַנקבארקייט צו די גוטע פֿרוי און דאָס פֿרייד פרעסט אַרויס פֿון איהר שעהנע נאַאיווגע אויגען צוויי גרינגע קלאָרע טרערין...

## III.

צום לעצטען מאָל שלאָפֿט פֿעני מיט א זיסען, זאָרגלאָזען שלאָף אין איהר ריין־שעהן צימערל. זיסע טרוימע טראָגען איהר א וועג ווייט אין אַ גליקליכען געגענד, וואו עס איז אַזוי גוט און ליכטיג. א'ן אונשולדיגער, צופֿריעדענער שמייכעל שפּיעלט אויף איהרע רויטע ליפּען. — ווי אין חלום הערט זי מענשען לאַכען פֿרעהליך, טאַנצען פֿלייסיג אין מוזיק שפּיעלט און דאַן עפֿענט זיך שטילערהייד די טיר פֿון איהר צימער... פֿרעמדע, פֿערשאַיטע, פֿער'שכור'טע אויגען קוקען

אויף איהר; אַ שמוציגע, פּרעבֿע האַנד ריהרט אָן איהר ריינעם קערפּער.

מען הערט אויף'ן גאַס ווי הייזעריגע שטימען זינגען אַ פרעהליכֿעם ליעדעלע, מען הערט ווי אַ צובראָכֿענע פּיאַנאַ קלינגט און וואַרפט אַרוים פּאַלשע, אונמוזיקאַלישע טענער. אָבער קיינער הערט ניט ווי אַ'ן אונשולדיגעס, פערצווייפעלטעס יונגעס קינד וויינט מיט ביטערע טרערין, רופט אום הילפע און שרייט מיט אַ'ן ערשראָקענע שטימע: מאַמע! מאַמעניו מיינע!...

און דאַן ווערט שטיל ווי אין אַ וואַלד, ווי רויבער בעפאַלען דעם אונבעוואָפענטען, און פינסטער ווי אין אַ קבר, וואו עס איז ניטאָ קיין ליכט און קיין לעבען...

Hebr. Eg 781
Gordin
4789

# פֿערלאַג „פֿאַמיליען־ביבליאָטעק" וואַרשא.

דער פֿערלאַג גיט אַרויס ביליגע און ניצליכע ביכלעך פֿון פּאָפּולערע שריפֿטשטעלער צום לעזען און אונטער־האַלטונג, אין הויז און געזעלשאַפֿט.

## פֿאָלגענדע ביכלעך זענען שוין ערשיענען:

| | | | | פּרייז |
|---|---|---|---|---|
| 1) | פּעסעלע דעם רבי'נס | ערצעהלונג | פֿון שלום עליכם. | 5 ק' |
| 2) | פֿינף און זיבעציג טויזענד | „ | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 3) | דער קוש | „ | „ ל. שאַפּירא | 5 „ |
| 4) | אלמנה נומער 1 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 5) | אלמנה נומער 2 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 6) | אלמנה נומער 8 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 7) | פֿערשפּעטיגט | „ | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 8) | דער דייטש | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 9) | גוטע ברידער | (קאָמעדיע) | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 10) | „מאָמענטען" | | „ שלום אש | 15 „ |
| 11) | אַ וויגרישנער בילעט | ערצעהלונג | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 12) | שמואליק | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 13) | יוסף דער דזענטעלמאַן | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 14) | די יונגע ליעבע | „ | „ ד. פּינסקי | 5 „ |
| 15) | שפּרינצע | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 16) | דער שפּיאָן | „ | „ מ. טייטש | 5 „ |
| 17) | די יורשים | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 18) | מיט'ן עטאַפּ | „ | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 19) | די ערשטע קאָמונע | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 20) | דער בלינדער | „ | „ גי דע מאָפּאַסאַן | 5 „ |
| 21) | חוה, טביה דעם מילכיגער'ס | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 22) | די ערשטע יודישע רעפּובליק | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 23) | די צעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 24) | דרייצעהן געפֿאַנגענע | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 25) | עולם הבא | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 26) | דער קרבן | „ | „ יעקב גאָרדין | 5 „ |
| 27) | הונדערט איינס | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 28) | די ציגיינערין | „ | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 29) | ערב פּסח'דיגע עמיגראַציע | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 30) | שמעון | „ | „ גי דע מאָפּאַסאַן | 5 „ |
| 31) | דער יונגסטער פֿון די מ"כים | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 32) | די באַראָנעסע | „ | „ וו. דאָראָשעוויטש | 5 „ |

פּרייז פֿיר אַלע 32 ביכער בלויז 2 רובל מיט פּאָרטא.

אַדרעסע פֿון פֿערלאַג:
Я. ЛИДСКІЙ, книжный магазинъ, Варшава, Налевки 36. Телеф. 61-63.